# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:14
מוצאי שב"ק.....................5:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................יחזקאל א'-ב'
בבלי............................חולין ד'
ירושלמי....................דמאי י"ד
תוספתא.........אהלות פרק א'
רמב"ם............שמיטה ויובל ד'

פרשת וישב, כ"ג כסלו, מברכים חודש טבת, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 12 (372)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדֹנָיו הַמִּצְרִי**, מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד פַּאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ אָבֶּער גִיבְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, ווייז מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג", וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב) אוֹיפְן פָּסוּק **וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ**, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף. פְרֶעגְט דֶער מֶדְרָשׁ: "וִוי אַזוֹי הָאט דֶער טָמֵא'נֶער גוֹי פּוֹטִיפַר גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף?" זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז יוֹסֵף הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען בַּאדִינֶען זַיין הֶער, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶעפִינֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הֶער, עֶר זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר", אוּן פּוֹטִיפַר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט? דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר כִּישׁוּף?" הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט אִים אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין" אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף. אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב וֶוען עֶר אִיז פַארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן קַיין מִצְרַיִם, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדֹנָיו הַמִּצְרִי**, יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי מִצְרִי'שֶׁע הוֹיז, ווייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(זאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב ט)

***

**וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו וַיֵּט עַד אִישׁ עֲדֻלָּמִי וּשְׁמוֹ חִירָה.** רַשִׁ"י זָאגְט אַז דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אַרָאפְּגֶענִידֶערְט יְהוּדָה פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט ווייל זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט צוּרִיקְהַאלְטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף אוּן דֶער טַאטֶע יַעֲקֹב זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַזוֹיפִיל צַעַר. זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז יְהוּדָה אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ "אַ מֶענְטְשׁ" חִירָה, מֶען זֶעט אַז דֶער פָּסוּק רוּפְט אִים אָן "אַ מֶענְטְשׁ" אוּן נִישְׁט "זַיין חַבֵר"; ווייטֶער אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֵייט אָבֶּער, **וַיִּשְׁלַח יְהוּדָה אֶת גְּדִי הָעִזִּים בְּיַד "רֵעֵהוּ" הָעֲדֻלָּמִי**, דָא וֶוערְט עֶר שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן "זַיין חַבֵר".

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז אַזוֹי דֶערְקֶענְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר חַבֵר אוּן וֶוער נִישְׁט. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר אִיז בְּרוּם הַמַּעֲלָה אוּן דַאן הָאט עֶר חֲבֵרִים, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען אֱמֶת'עֶ חֲבֵרִים, נָאר זֵיי ווילְן זִיךְ פָּשׁוּט חֲנִפְ'עֶנֶען צוּ אִים. וֶוען זֶעט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר חַבֵר? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן גֵיין בַּארְג אַרָאפּ, עֶר פַארְלִירְט זַיין גְדוּלָה אוּן דֶער חַבֵר שְׁטֵייט אִים נָאךְ ווייטֶער צוּ דִי הַאנְט אִים אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן, דָאס מֵיינְט אַן אֱמֶת'עֶר חַבֵר.

דָאס זֶעט מֶען דָא אִין פָּסוּק, נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי גְדוּלָה פוּן יְהוּדָה, אוּן נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן תָּמָר וָואס יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט פֶּן נִהְיֶה לָבוּז, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בִּזָּיוֹן פַאר יְהוּדָה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט אִים דֶער חַבֵר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, דָאס הֵייסְט אַן אֱמֶת'עֶר חַבֵר.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען אֵיינֶער זֶעט בַּיי זַיין חַבֵר אַז עֶר אִיז גֶעפַאלְן, זָאל עֶר אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן, נָאר פַארְקֶערְט עֶר זָאל אִים מֶער מְחַזֵּק זַיין, ווייל תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט אֵייבִּיג, אוּן מִיט אַבִּיסְל חִיזוּק קֶען מֶען אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם גוּטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ חַבֵר)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְטֶעלֶעךְ

וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף ווייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

**קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט**

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָּל פַאר דֶעם.

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, יֶעצְט זֶעץ דִיךְ אַרָאפּ בַּיי דִי מְנוֹרָה קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, אוּן שְׁמוּעֶס דִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים, דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען אַז מִיר ווייסְן פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִין אוּנְז.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ זֶעצְן זִיךְ אַוֶועק בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, קוֹדֶם מִיט דִי ווייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מֶען פַארְצֵיילְט דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט יֶעצְט, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אַהּ! אַ מְחַיֶה וָואסֶערֶע שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע שְׁטִילֶע לֶעבְּן קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל ווִיסְן וְכוּ'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיִּשְׁלַח תשע"ה)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?



**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיזְנְטֶער מָאל אוּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אִיךְ שְׁפִּיר אַז סְ'אִיז פַאלְשׁ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

סְתַּם זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן גָארְנִישְׁט טוּן - דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַז מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק; דֶער רֶבִּי הָאט וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וָואס וֶוער עֶס טוּט דִי עֵצוֹת אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין אֲפִילוּ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע בְּלָאטֶע, אָבֶּער דִי עֵצוֹת הֶעלְפְט נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין תְּנַאי: אוֹיבּ מֶען טוּט דִי עֵצוֹת! אוֹיבּ מֶען דְרֵייט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב אוּן מֶען טוּט נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט קֶען מֶען זִינְגֶען אַ גַאנְצְן טָאג: "שְׁטַארְק זִיךְ", "שְׁטַארְק זִיךְ", "שְׁטַארְק זִיךְ", אָבֶּער עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן.

אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע נְפִילוֹת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט?! דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז גְרִינְגֶע עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי

<<<<<<

>>>>>>

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִּילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וֶוען מֶען זִיצְט אָבֶּער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז בָּ"הַ גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִּיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִּין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִּילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ "חֶרֶב פִּיפִיּוֹת", אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" זי"ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִּיק גָמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִּיק גָמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶּער אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים ווִי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעט נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי ווֶעלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָּל, עֶס גֶעשֶׁעט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ ווֶענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶּער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֵויינִיגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן אָבֶּער זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### הַאק נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה, מֶען זֶעט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִילְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

> 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ' – עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט...

דִי חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְט מֶען אָן "עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם

<<<<<<

>>>>>>

צְווייטְן, און נִישְׁט מַאכְן חַ"ו קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אִידְן.

שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, און נִישְׁט זַיין פַּארְמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

## וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַּארְשְׁלָאפְן, וִוי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט און גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְן, אָבֶער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז וַואךְ אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, און וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַּארְשְׁלָאפְן.

וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, טז) "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה". וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט און מֶען פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, און מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפוֹרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקַייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן?

אָבֶּער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵּז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָּה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדֶען הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקַייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל און אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף און עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א') "סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן און טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג און יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

>>>>>>

נאמען פונעם רבי'נס מאמע פיגא, ווי באקאנט האט דער רבי געוואלט אז מען זאל אים רופן אויף זיין מאמע'ס נאמען רבינו נחמן בן פיגא, דאס איז געווען אלס הכרת הטוב, ווייל ווען דער רבי איז געווען א קליין קינד פלעגט אים זיין מאמע נעמען צום ציון פון איר זיידע דער הייליגער בעל שם טוב, און זי פלעגט דארט אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דער קינד זאל אויסוואקסן אן ערליכער איד, און דער רבי האט געהאלטן אז דאס האט אים געהאלפן צוצוקומען צו וואס ער איז צוגעקומען. און דאס דארף מיר זיך אפלערנען פון די צדיקת פיגא, אז מיר זאלן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף די הצלחה פון די קינדער, אלעס ווענדט זיך אין תפלה, ווי מער די עלטערן בעטן דעם אייבערשטן אויף די הצלחה פון די קינדער, וועלן זיי מער מצליח זיין. און דאס לייגט מען אריין אויך אין די טייערע קינדער אז זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן און רעדן צום אייבערשטן, און דאס וועט זיי באגלייטן א גאנץ לעבן. ווי אויך האט זי ארויסגעברענגט פארשידענע וויכטיגע נקודות אין חינוך, וואס איז וויכטיג צו וויסן פאר די עלטערן.

ביים אוונט האט מען אויפגעשפילט א דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א פאר די פרויען, אין וואס ער האט מעורר געווען די עלטערן צו ארבעטן צוזאמען מיט'ן מוסד און מחנך זיך און זיך אפגעבן מיט די קינדער ווי עס דארף צו זיין, און גלייכצייטיג שטארק מעורר געווען איבער די שעדליכקייט פון סמארטפאונס, וואס אויסער די אלע שלעכטע זאכן וואס עס ברענגט מיט זיך, איז עס א געפערליכע פראבלעם פאר די קינדער, ווען די עלטערן זענען פארנומען מיט'ן טעלעפאן און זענען נישט אינטערעסירט אין די קינדער, און דאס שאדט זייער שטארק פאר די חינוך פון די קינדער.

דערנאך האט מען פארטיילט די "נחת רעפארט" קארטלעך פון יעדע מיידל, אין וואס עס איז אריינגעשריבן די גוטע חלקים פון יעדעס קינד, ווי אזוי יעדעס קינד איז די בעסטע און צייכנט זיך אויס יעדע באזונדער לויט אירע מעגליכקייטן.

די עלטערן האבן זייער הנאה געהאט פון די אסיפה וואס איז געקרוינט געווארן מיט א זעלטענע סוקסעס, און מען זעט אפן די סייעתא דשמיא ביי טריט און שריט, ווי די סקול האט זיך אזוי שיין אהער געשטעלט, צו די צופרידנהייט פון די עלטערן מיט די קינדער צוגלייך.

**חנוך לנער על פי דרכו!**

>>>>>>

אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, הֵייבּ אָן זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַאְרֶרעכְטְן. תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט פַּאסְטְן, תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט סִיגוּפִים, תְּשׁוּבָה אִיז צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תְּשׁוּבָה אִיז צוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן הַיינְט צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע"**; עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן און עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיפְצוּגֶעבְּן און הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער אַזוֹי וֶועסְטוּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, און אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זֶען ווִי צוּבִּיסְלֶעךְ קְרִיכְסְטוּ אַרוֹיס פוּן דַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים.

נָאךְ אַן דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן**
**וֶועסְטוּ זֶען ווִי דִי תּוֹרָה שְׁלֶעפְּט**
**דִיר אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיִּשְׁלַח תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## סעודת הודאה כ"א כסליו

די וואך מיטוואך נאכט איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעפארן קיין קרית יואל אפצורעכטן א סעודת הודאה לכבוד דעם גרויסן טאג כ"א כסליו, צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים אין דעם יום הצלה והשיחרור פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע.

פילע אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען, א רייכע סעודה איז סערווירט געווארן, און מען האט געזינגען אינאיינעם חסדי ה' כי לא תמנו, מ'האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נסים וואס ער האט געטון מיט אונז אין דעם טאג.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט דברות קודש, ווי מ'דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר זענען היינט ערליכע חסידישע אידן על אדמת אמעריקע, און דאס איז אלעס צו פארדאנקען דעם הייליגן סאטמאר רבי'ן וואס האט דאס אריינגעברענגט, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון לערנען גמרא יעדן טאג, די אינגעלייט אין קרית יואל קומען זיך צוזאם יעדע נאכט צו א שיעור גמרא, ער האט נאכגעזאגט פון ספר ווי העמודים, א זון פון של"ה הקדוש, וואס שרייבט אז א בלאט גמרא יעדן טאג דארף זיין א חיוב אויף א איד אזוי ווי הנחת תפלין.

נאך די מסיבה איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט א געהויבענע געפיל, מיט פרישע כוחות ווייטער ממשיך צו זיין אין עבודת ה'.

**חסדי ה' כי לא תמנו!**

***

## י"ט כסליו פארברענג

די וואך דינסטאג נאכט זענען זיך אנשי שלומינו צוזאמגעקומען אין וויליאמסבורג אפצורעכטן א פארברענג לכבוד דעם גרויסן טאג י"ט כסליו, ווען דער הייליגער בעל התניא זי"ע איז געראטעוועט געווארן פון תפיסה. און גלייכצייטיג לכבוד דעם סיום פון מסכת מנחות וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט פאר די לעצטע פאר חדשים יעדן אינדערפרי.

מען האט זיך געוואשן צו א שיינע סעודה, און געזונגען ווארימע ניגונים לרגל דעם סיום און לרגל דעם גרויסן טאג י"ט כסליו.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט טרעפליכע ווערטער. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז דאס האט ער מקבל געווען פון מוהרא"ש אז מ'קען נישט זיין א ברסלבע חסיד אן לערנען כאטש איין בלאט גמרא א טאג. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'קען נישט מצליח זיין צו לערנען א בלאט א טאג נאר מיט'ן סדר דרך הלימוד, צו קענען לערנען אפילו ווען מ'פארשטייט נישט וואס מ'זאגט. ווייל אויב א מענטש מוז אייביג אלעס פארשטיין ווי איז מעגליך צו לערנען "יעדן" טאג? עס איז לא ימלט אז עס מאכט זיך טעג וואס די קאפ איז נישטא, אדער די צייט איז נישטא, עס זענען דא משפחה טירדות, שמחות, ימים טובים, סתם שווערע טעג. א מענטש איז נישט א מאשין. א איד דארף אפמאכן ביי זיך, יעבור עלי מה, איך וועל אפזאגן דעם בלאט גמרא יעדן טאג, אז דער באשעפער וועט העלפן וועל איך עס אויך פארשטיין.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברעגט די געוואלדיגע תועלת פון עפענען די גמרא אינדערהיים, וואס פארא גוטע השפעה עס האט אויף די שלום בית און אויפ'ן חינוך פון די קינדער. א ווייב באקומט א רעספעקט פאר'ן מאן אויב ער לערנט, און די קינדער וואקסן אויף מיט דעם אז דער טאטע עפענט א אידיש ספר יעדן טאג.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער איז דינסטאג אינדערפרי צוריק געקומען פון א נסיעה קיין ארץ ישראל, וואו ער איז געפארן צו די יארצייט פון זיין באבע ע"ה. דער ראש ישיבה איז געווען אויף שבת אין מירון מיט זיין גרויסן זיידן דער קארלסבורגער רב שליט"א. פרייטאג צו נאכטס האט מען געדאווענט אויבן אין די מערה, און שבת אינדערפרי האט מען געדאווענט אין בית המדרש מראה יחזקאל. דער קארלסבורגער רב שליט"א האט מכבד געווען דעם ראש ישיבה שליט"א צו דאווענען שחרית פאר'ן עמוד. מוצאי שבת איז דער ראש ישיבה געפארן קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש, און איז דארט געווען א גאנצע נאכט און געדאווענט שחרית ביים ציון, און פון דארט געפארן צום לופטפעלד, און אויפן וועג צוריק האט דער ראש ישיבה געמאכט א סטאפ אין אומאן צו זיין ביים ציון פון הייליגן רבין.

זייענדיג אבער אין אומאן, איז דער פליגער קיין ניו יארק געווארן אפגעשטופט מיט 15 שעה, און דער ראש ישיבה מיט זיין משפחה האבן געדארפט ווארטן פאר פילע לאנגע שעות אינעם לופטפעלד, נאך אסאך אידן האבן דארט אויך געווארט, און פארשטייט זיך אז פאר יעדן איז דאס געווען זייער שווער צו ווארטן אזוי לאנג אין לופטפעלד אן קיין עסן און וועש וכדומה, און דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט ווי ווייט מיר זענען גליקליך אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן, וואס געבט אריין אין אונז א ריינע אמונה צו וויסן און גלייבן אז איד גייט נישט, א איד פירט מען פון אויבן, און אלעס פירט דער אייבערשטער נאר פאר'ן טובה פונעם מענטש, און ווען מ'האט דעם דרך הלימוד קען מען טרעפן א טרייסט אין די הייליגע תורה, אין סיי וועלכע שווערע מצבים א מענטש טרעפט זיך אומגעראכטן, קען ער דארט אויך לערנען די הייליגע תורה און זיך שטארקן מיט דעם.

נאך ברכת המזון זענען אנשי שלומינו אהיימגעגאנגען מיט גרויס הנאה פון דעם שיינעם פארברענג.

**ואני אבטח בך!**

***

## סיום מסכת מנחות אין כולל היכל הקודש

די וואך מיטוואך אינדערפרי איז פארגעקומען א שיינע פרישטאג סעודה אינעם כולל היכל הקודש אין וויליאמסבורג, ווי די חשובע כולל אינגעלייט האט געמאכט א סיום אויף מסכת מנחות וואס מ'האט געלערנט אין כולל. פאריאר האט דער ראש ישיבה שליט"א געעפנט א כולל אין וויליאמסבורג, פאר די חשובע אינגעלייט אנשי שלומינו וועלכע זענען תורתם אומנותם.

ביים סיום האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די חשיבות פונ'ם כולל, ווי חז"ל זאגן אז פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן האט דער אייבערשטער גארנישט אויף דער וועלט נאר די ד' אמות פון הלכה, די חשיבות פון אינגעלייט וואס זיצן און לערנען הלכה. דער כולל באשטייט נאר פון אינגעלייט וואס האלטן אמת'דיג ביים לערנען, און נוצן אויס דעם טאג מיט לימוד הלכה וואס איז זייער וויכטיג.

יעדן אינדערפרי הויבט מען אבער אן דעם טאג מיט א בלאט גמרא, אזוי ווי מוהרא"ש האט איינגעפירט אין זיין כולל אין יבנאל. דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר יעדן אינדערפרי א בלאט גמרא, און דערנאך חזר'ט מען עס איבער מיט מער עיון אין כולל פאר די ערשטע שעה פון טאג, און יעצט האבן די חשובע אינגעלייט מסיים געווען מסכת מנחות.

מען האט זיך צוגעיאגט צו ענדיגן דעם פרישטאג ווי שנעלער, נישט צו שטערן די חשובע אינגעלייט פון דעם סדר הלימוד.

**כי טוב סחרה מכל סחורה!**

***

## "נחת און חינוך אוונט" די וואך אין "בית פיגא"

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען די "נחת און חינוך אוונט" אין סקול, עס זענען זיך צוזאם געקומען די עלטערן פון די תלמידות, איבערצושמועסן מיט די מחנכות, צו שעפן נחת איבער די הצלחה פון די קינדער. ווען די עלטערן ארבעטן אינאיינעם מיט די מחנכים איז דאס די גרעסטע טובה פאר די קינדער.

די חשובע מנהלת מרת לעסער תחי' האט גערעדט פאר די עלטערן, זי האט ארויסגעברענגט די יסודות פון אונזער סקול, וואס רופט זיך "בית פיגא" אויפ'ן

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **משה איראס** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 /**
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן